# ס'איז גוט

די ערד וועט ווי שטענדיק פאַרבלייבן שוין גרויס.
נאָר דאָס וואָס געהערט אונז איז אָרים און קליין.
זאָג שירה דערפאַר. וואָס ס'איז אונזער הויז
נאָך אָפן פאַר אַלע וואָס קומען צוגיין.
ווייל אַ טאָג מיט אַ טאָג וועט פאַרגיין
און מיר וועלן פאַרבלייבן אַליין.

זאָג כי טוב. ס'איז גוט אויך דערפאַר
וואָס אין דער באַצוווּנגענער פרעמד
קומט ווער נאָך דערציילן אונז זיין צער
און ס'בלייבט אונזער שוועל נישט פאַרשעמט.

ווייל ס'וועלן פאַרלוירן גיין דאָ מיט דער צייט
די שלעכטע — אויך אפשר די גוטע. ווער ווייסט?
און מיר וועלן פאַרבלייבן פאַררוקט אין אַ זייט
ווי אַלטיטשקע מענטשן צו מוטלען... פאַרשטייסט?

ס'וועט יעדער אַוועק מיטן ליכט פונם טאָג
או זמער שוין נישט קומען צוריק.
און מיר וועלן וואַרטן ביז טאָן וועט אַ זאָג
דו אָדער איך מיט אַ קול אַ פאַרשטיקט:
זע. אַ טאָג מיט אַ טאָג טוט פאַרגיין
און מיר זענען אַלץ נאָך אַליין.